Publié par
l'Association pour
l'Étude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

דער ייִדישער

# טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

אייר תש״ס/יוני 2000

יאָר 5 , נומער 5 (25)

# אַ ספּעציעלער נומער אַרום דער טעמע
# „ייִדיש אין דער אייראָפּעיִשער קולטור־ירושה[1]“

אַלע לענדער פֿון אייראָפּע האַלטן שוין לאַנגע יאָרן אַז זייער נאַציאָנאַלע ירושה איז גאָר אַ וויכטיקע זאַך און אַז מע דאַרף זי באַשיצן[2]. די דאָזיקע ירושה באַשטייט[3] אַוודאי[4] פֿון שלעסער[5] און פּאַלאַצן, טײַכן און וועלדער, אָבער אויך פֿון גײַסטיקע אייגנקייטן[6] : אידעעס, טראַדיציעס, מינהגים[7] און, פֿאַרשטייט זיך, שפּראַכן. דאָס, וואָס די איינצלנע[8] לענדער פֿלעגן טאָן, טוט איצטער אין נאָמען פֿון אייראָפּע דער אייראָפּעיִשער ראַט[9], וואָס האָט אַ ציל[10] אויפֿצוהיטן[11] דעם דאָזיקן קולטור־אוצר[12]. דער ייִדישער טעם־טעם האָט דעם כּבֿוד[13] אָנטייל צו נעמען אין דעם גרויסן פּראָיעקט.

1. ...-YERUSHE patrimoine culturel/cultural heritage 2. protéger/protect 3. consiste en/consists of 4. AVADE bien sûr/of course 5. châteaux/castles *sing.* שלאָס 6. particularités/features 7. MINHOGIM coutumes/customs 8. individuels/individual 9. Conseil de l'Europe/Council of Europe 10. but/aim 11. conserver/preserve 12. OYTSER trésor/treasure 13. KOVED honneur/honor

UN PATRIMOINE COMMUN





# אייראָפּע




## אין אָנהייב, אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע, איז די מעשׂה פֿון אייראָפּע געווען אַ ליבע־געשיכטע

אַמאָל, אין די אוראַלטע צײַטן, האָט געלעבט אין דעם לאַנד פֿעניציע אַ פּרינצעסין. אייראָפּע האָט זי געהייסן. איין פֿרימאָרגן, גאָר פֿרי, ווען זי איז געשלאָפֿן אין איר פּאַלאַץ, זענען צו איר געקומען אין חלום[1] צוויי קאָנטינענטן אינעם געשטאַלט פֿון פֿרויען. די ערשטע האָט געהייסן אַזיע און די צווייטע האָט נישט געהאַט קיין נאָמען. ביידע האָבן זיך אײַנגעליבט אין איר און האָבן זי געוואָלט צונעמען. אַזיע האָט געזאָגט אַז זי מעג זי נעמען ווײַל אויף איר טעריטאָריע איז זי געבוירן געוואָרן. דאָס צווייטע פֿרויען־געשטאַלט האָט געזאָגט אַז זעוס[2], דער פֿאָטער פֿון די געטער, האָט זי איר צוגעזאָגט. מיט דעם האָט זיך די פּרינצעסין אויפֿגעוועקט. זי האָט זיך געפֿילט אומרויִק[3].

## האָט דער בוהײַ געזאָגט : איך בין זעוס

ס'איז געווען פֿרילינגצײַט. האָט זיך אייראָפּען פֿאַרוואָלט[4] אַ שפּאַציר טאָן מיט אירע חבֿרטעס[5]. באַלד ווי זעוס האָט זי דערזען האָט ער זיך אין איר פֿאַרליבט און גלײַך געוואָלט זיך דערנענטערן צו איר. נאָר כּדי העראַ זײַן ווײַב זאָל ניט וויסן האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט[6] אין אַ בוהײַ[7]. דער בוהײַ האָט אויסגעזען שיין און צערטלעך און די מיידלעך האָבן גאָר ניט מורא[8] געהאַט. אייראָפּע האָט זיך אַפֿילו אַרויפֿגעזעצט אויף אים. גלײַך ווי זי איז אַרויף אויף זײַן רוקן האָט דער בוהײַ אַ שפּרונג געטאָן און אַוועקגעפֿלויגן מיט איר איבערן ים. – איך בין זעוס, האָט ער געזאָגט, און איך וועל דיך פֿירן אין קרעטע. דאָרטן האָבן זיי געלעבט ווי מאַן און ווײַב און דעם קאָנטינענט ווו עס געפֿינט זיך קרעטע האָט מען אַ נאָמען געגעבן אייראָפּע לכּבֿוד[9] דער פּרינצעסין.

צוויי זין פֿון זעוסן און אייראָפּען, וואָס האָבן געהייסן מינאָס און ראַדאַמאַנטעס, זײַנען געווען אַזוי קלוג און יושרדיק[10] אַז זיי זײַנען צוליב דעם געוואָרן די ריכטערס איבער די טויטע. לאָמיר האָפֿן אַז די זין פֿון אונדזער אייראָפּע וועלן אויך ווײַזן אַזאַ חכמה[11] – נאָר בײַ די לעבעדיקע !

1. ... KHOLEM elle a rêvé de/she dreamed of 2. Zeus 3. troublée/restless, uneasy 4. elle a eu envie/she felt like (*exp.* זיך פֿאַרוועלן עמעצן) 5. KHAVERTES amies/girlfriends 6. s'est transformé en/turned himself into 7. taureau/bull 8. MOYRE peur/fear 9. LEKOVED en honneur de/in honor of 10. YOYSHERDIK juste/fair, just 11. KHOKHME sagesse/wisdom.

## [עטימאָלאָגיע]

דער נאָמען אייראָפּע שטאַמט פֿון גריכיש עוראָפּאָס, אַ טונקל אָרט, פֿון עוראָס (טונקלקייט), דאָס מיינט דאָס אָרט ווו די זון פֿאַרגייט.

# די אייראָפּעיִשע געמיינשאַפֿט[1]

## אַ חלום וואָס איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט פֿאַר מיליאָנען מענטשן : אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פֿון דער אייראָפּעיִשער געמיינשאַפֿט, פֿון איר אָנהייב אין די פֿופֿציקער יאָרן ביז הײַנט צו טאָג

די געאָגראַפֿן זענען אַלע מסכּים[2] : אייראָפּע איז אַ גרויסער שטח[3] וואָס ציט זיך פֿון אוראַל אין מיזרח[4] ביזן אַטלאַנטיק אין מערבֿ[5], פֿון באַלטישן ים[6] אין צפֿון[7] ביזן מיטלענדישן ים[8] אין דרום[9]. דער שטח נעמט אין זיך אַרײַן אַ סך לענדער און פֿעלקער.

דער געדאַנק צו פֿאַראייניקן די אייראָפּעיִשע פֿעלקער איז ניט פֿון הײַנט. אַ מאָל האָט זיי רוים צונויפֿגענומען אין איין אימפּעריע. זינט דעמאָלט זענען געווען נאָך אַ סך פּרוּוון צו פֿאַראייניקן גאַנץ אייראָפּע אונטער איין מאַכט – אַלע מאָל דורך מלחמות[10] און סטראַטעגישע אָפּמאַכן[11]. די אייראָפּעיִשע געמיינשאַפֿט איז דער ערשטער אמתער[12] פּרוּוו צו דערגרייכן אַזאַ ציל דורך די וועגן פֿון שלום[13].

די זאַך איז אָבער ניט געטאָן געוואָרן איבער נאַכט. דאָס אויפֿשטעלן די אייראָפּעיִשע געמיינשאַפֿט איז אַ מעשׂה וואָס ציט זיך שוין כּמעט[14] פֿופֿציק יאָר :

אין 1951 האָבן בלויז געציילטע[15] לענדער – איטאַליע, בעלגיע, דײַטשלאַנד, לוקסעמבורג, נידערלאַנדן און פֿראַנקרײַך – געשלאָסן אַ ריין[16] עקאָנאָמישן אָפּמאַך איבער קוילן־ און שטאָל־מיסחר[17].



אַן אַלעגאָריע פֿון ·אייראָפּע אויף לאַטײַן, אַרויסגעצויגן פֿון אַ דײַטשישן אַטלאַס פֿון מיטל־עלטער

אין 1957 האָבן זיך די זעלבע זעקס לענדער דערנענטערט נאָך מער און פֿאַרלייגט די „אייראָפּעיִשע עקאָנאָמישע געמיינשאַפֿט“.

פֿון דעמאָלט אָן זענען צו זיי צוגעקומען נאָך שותּפֿים[18] : צו ערשט דענמאַרק, גרויס־בריטאַניע און אירלאַנד (אין 1972), שפּעטער אויך גריכנלאַנד (1979), פּאָרטוגאַל און שפּאַניע (1986), און לעצטנס עסטרײַך, שוועדן און פֿינלאַנד (1995).

די לענדער האָבן זיך מיט די יאָרן שטאַרק דערנענטערט, דער עיקר[19] אויפֿן עקאָנאָמישן געביט[20] : צום בײַשפּיל, כּמעט אַלע וועלן באַלד ניצן איין מטבע[21] – דעם איירא. אָבער דאָס שותּפֿות[22] האָט זיך אויך אַנטוויקלט[23] אין אַנדערע ריכטונגען : געזעלשאַפֿטלעכע[24] פּראָבלעמען, געזונט, דערציִונג, קולטור־ענינים[25]... די בשותּפֿותדיקע[26] פּאָליטיקן ווערן באַשטימט דורך עטלעכע אינסטאַנצן ווי דער אייראָפּעיִשער פּאַרלאַמענט, די אייראָפּעיִשע קאָמיסיע, דער אייראָפּעיִשער צענטראַלבאַנק, און אַנדערע.

אמת, די פֿאַראייניקונג ברענגט נישט ווינציק שוועריקייטן און סתּירות[27], אָבער אַ סך מענטשן באַטראַכטן זי ווי אַ פּראָגרעס. אַ סימן[28] – נאָך עטלעכע לענדער אין אייראָפּע קאַנדידירן אויף צו ווערן נײַע מיטגלידער פֿון דער געמיינשאַפֿט, וואָס איצטער דער אייראָיִשער פֿאַראיין[29].

1. communauté/community 2. MASKIM d'accord/in agreement 3. SHETEKh territoire/territory 4. MIZREKh est/east 5. MAYREV ouest/west 6. YAM mer/sea 7. TSOFN nord/north 8. Méditerranée/Mediterranean 9. DOREM sud/south 10. MILKHOMES guerres/wars 11. traités/treaties 12. EMESER véritable/real, true 13. SHOLEM paix/peace 14. KIMAT presque/nearly 15. rares/few 16. purement/purely 17. ...MISKHER le commerce du charbon et de l'acier/coal and steel trade 18. SHUTFIM partenaires/partners 19. DER IKER surtout/especially 20. domaine/field 21. MATBEYE monnaie/currency 22. SHUTFES partenariat/partnership 23. développé/developed 24. sociaux/social 25. ... INYONIM thèmes culturels/cultural matters 26. BESHUTFESDIKE communes/joint 27. STIRES contradictions 28. SIMEN signe, preuve/sign, proof 28. union.

# אַן אַרײַנפֿיר פֿאַר אָנהייבערס

אין דעם נומער האָבן מיר געוואָלט באַטראַכטן דעם ענין[1] „ייִדיש ווי אַ טייל פֿון דער אייראָפּעיִשער קולטור־ירושה[2]“. מיר הייבן אָן מיט דער שטאָט פּאַריז, אַ הויפּטאָרט פֿון ייִדיש־אַרבעט (ס'איז נישט קיין צופֿאַל אַז *דער ייִדישער טעם־טעם* איז דאָרט געבוירן געוואָרן). אַ חוץ[3] אַקאַדעמישע שטודיעס (ייִדישקורסן אין עטלעכע אוניווערסיטעטן), געפֿינען זיך אין פּאַריז די מעדעם־ביבליאָטעק, (די גרעסטע ייִדיש־ביבליאָטעק אין מערבֿ־אייראָפּע[4]), דער מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדיש (מיט קורסן וווּ עס לערנען זיך 160 תּלמידים[5]), און די געפּיי״ל (געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד[6]), וואָס אָרגאַניזירט שפּראַכקורסן און פֿאַרשיידענע אימפּרעזעס[7], און וואָס גיט אַרויס אַ בולעטין וועגן אַלע טעטיקייטן[8] אַרום ייִדיש אין פֿראַנקרײַך. די ווײַטערדיקע אַרטיקלען שטעלן פֿאָר עטלעכע פֿון די וויכטיקע פּראָיעקטן וואָס מע אַרבעט איבער זיי הײַנט צו טאָג. דערצו האָבן מיר באַקומען אַרטיקלען פֿון שטראַסבורג, ענגלאַנד און דײַטשלאַנד, און אויך אַ טעקסט פֿון דער ווײַטער אַמעריקע, וועגן אַ מענטש וואָס האָט געחלומט[9] צו פֿאַראייניקן נישט בלויז אייראָפּע, נאָר די גאַנצע וועלט.

1. INYEN sujet/subject 2. ...-YERUSHE patrimoine culturel/cultural heritage 3. A KHUTS à part/aside from 4. MAYREV-... Europe occidentale/Western Europe 5. TALMIDIM étudiants/students 6. ...LIMED A.E.D.C.Y. Association pour l'étude et la diffusion de la culture yiddish/ French Association for Yiddish Studies 7. manifestations/events 8. אַקטיוויטעטן 9. GEKHOLEMT rêvait/ dreamed.

# די מעדעם־ביבליאָטעק אין יאָר 2000



**זינט 1994 האָט די מעדעם־ביבליאָטעק אַ נײַעם דירעקטאָר, זשיל ראָזיע. *דער ייִדישער טעם־טעם* האָט אים אינטערוויוירט.**

### ווי אַזוי זײַט איר צוגעקומען צו ייִדיש ?

דאָס איז אַ לאַנגע מעשׂה. איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ משפּחה וואָס די מאַמע האָט פֿאַרשטאַנען ייִדיש. און איך האָב אַ סך געהערט ייִדיש, אָבער בלויז ווען איך בין געווען אין פּאַריז, איין וואָך אַ יאָר, בײַ מײַן מאַמעס משפּחה. שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט דײַטש. אין ירושלים, וווּ איך האָב געמאַכט מײַן מיליטער־דינסט אין פֿראַנצייזישן קאָנסולאַט האָב איך זיך אויסגעלערנט העברעיִש און סוף־כּל־סוף האָב איך אָנגעהויבן זיך אויסצולערנען ייִדיש אין אוניווערסיטעט. איך בין צוריקגעקומען קיין פֿראַנקרײַך, און אָנגעהויבן זיך לערנען אין אינסטיטוט שאַרל 5, בײַ בערל ווײַסבראָט, רחל ערטעל און יצחק ניבאָרסקי.

### און ווי אַזוי זײַט איר צוגעקומען צו דער מעדעם־ביבליאָטעק ?

איך בין ניט געווען זייער צופֿרידן מיט מײַן פֿריִערדיקער אַרבעט און איך האָב געוואָלט טאָן עפּעס אינעם ייִדיש־תּחום[1], און ווען די מעדעם־ביבליאָטעק האָט געזוכט אַ נײַעם דירעקטאָר האָב איך געשטעלט מײַן קאַנדידאַטור און מע האָט מיך אָנגענומען. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1994, אָבער איך בין שוין געווען אַ לייענער אין דער ביבליאָטעק פֿון 1987 אָן.



זשיל ראָזיע

### וואָס זענען די אַקטיוויטעטן פֿון דער ביבליאָטעק ?

ווי איר ווייסט, זײַנען מיר די גרעסטע ייִדיש־ביבליאָטעק אין אייראָפּע, מיט 20 000 ווערק אויף ייִדיש. דערצו האָבן מיר אויך אַן ערך[2] 8 000 ווערק אויף אַנדערע שפּראַכן, ווי פֿראַנצייזיש, ענגליש, דײַטש, פּויליש א״אַ[3]. מיר זענען אין קאָנטאַקט מיט פֿאַרשיידענע ביבליאָטעקן און פֿירן מיט זיי אַ דובלעטן־אויסטויש[4]. מיר האָבן אויך אַ ריי אַקטיוויטעטן, ווי רעפֿעראַטן, קאָנצערטן, אויסשטעלונגען, אַן אָרט אויף אינטערנעץ, אַ פֿאַרלאַג אויף אַרויסצוגעבן דידאַקטישן מאַטעריאַל. די ביבליאָטעק אָרגאַניזירט אויך, צוזאַמען מיט דער געפּיי״ל[5], די פּאַריזער זומערקורסן פֿאַר ייִדישער שפּראַך, דאָס יאָר

1. TKHUM domaine/field 2. AN EREKh environ/about 3. און אַנדערע 4. échange de doubles/ exchange of duplicates.



**מאַריאַ מיגוס, אַ מיטאַרבעטערין**
**פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, בײַ דער אַרבעט**

[סוף פֿון זײַט 4

ווערט שוין זײַן דאָס דריטע מאָל. און ס'איז שוין פֿינף יאָר ווי מיר גיבן אַרויס דעם *ייִדישן טעם־טעם*.

## וואָס איז די פֿינאַנצירונג פֿון דער ביבליאָטעק ?

מע באַקומט געלט פֿון פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס, ווי קולטור־מיניסטעריום, די שטאָט פּאַריז, ייִדישע און נישט־ייִדישע פֿונדאַציעס, מתּנות[6] פֿון פֿרײַנד פֿון דער ביבליאָטעק, מיטגליד־געלט און ביכער־פֿאַרקויף.

## ווער זײַנען די לייענער ?

אַ קליינער טייל זענען די אַלטע לייענער וואָס ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון, אָבער דער עיקר זענען עס ייִדיש־סטודענטן, און ייִדיש־ספּעציאַליסטן פֿון גאַנץ אייראָפּע, ווי לערערס, זינגערס, טעאַטער־מענטשן אאַ"וו, אויך מענטשן וואָס קומען בלויז נאָך פֿראַנצייזישע ביכער, אָבער דאָס איז ניט די מערהייט – מע באָרגט בײַ אונדז אַן ערך 50 פּראָצענט ייִדישע און 50 פּראָצענט ניט־ייִדישע ביכער. הייסט עס אַז די ייִדיש־זאַמלונג איז זייער לעבעדיק. מע נעמט אין האַנט אַן ערך 5 000 ביכער יעדעס יאָר.

## און וויפֿל לייענערס זענען דאָ ?

מע האָט אַן ערך 1000 לעיינערס אַ יאָר, די העלפֿט מיט לייען־קאַרטן, וואָס קומען רעגולער און די אַנדערע וואָס קומען איינמאָליק און נעמען ניט קיין קאַרטע : צי אַ זשורנאַליסט, צי אַ זינגער פֿון אויסלאַנד, צי אַ גענעאַלאָגיסט, צי אַ סטודענט וואָס גרייט צו אַ רעפֿעראַט.

## וואָס זענען איצט די גרעסטע פּראָבלעמען פֿון דער ביבליאָטעק ?

די גרעסטע פּראָבלעם איז די פּראָבלעם פֿון אָרט, דאָס הייסט אַז אונדזער לאָקאַל איז ניט מער דאָס וואָס מע דאַרף. דערפֿאַר מוז מען זוכן אַ גרעסערן בנין[7].

## און די וויכטיקסטע פּראָיעקטן ...?

אונדזער גרויסער פּראָיעקט איז צו שאַפֿן אַ ייִדיש־צענטער אין פּאַריז, ווּ ס'וועט זײַן אָרט צו אַרבעטן פֿאַר אַלע ייִדישיסטן און ווּ מע וועט ניצן ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך. מע דאַרף אויך אַנטוויקלען די צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע אינסטיטוציעס ווי צום בײַשפּיל מיט בית־שלום־עליכם[8], אָדער מיט ייִוואָ[9]. מיר וועלן אויך אַרויסגעבן דאָס יאָר אַ גרויס ייִדיש־פֿראַנצייזיש ווערטערבוך אונטער דער רעדאַקציע פֿון יצחק ניבאָרסקי און בערל ווײַסבראָט. און מיר ווילן בקרובֿ[10] אָנהייבן די קאָמפּיוטעריזאַציע פֿון אונדזער קאַטאַלאָג, בשותּפֿות[11] מיט אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל.

## ס'איז נאָר וואָס פֿאָרגעקומען אין פּאַריזער ייִדישן מוזיי אַ סימפּאָזיום „בײַ דער ייִדיש־אַרבעט, הײַנט". פֿאַר וואָס אַזאַ טעמע ?

מיר האָבן געוואָלט טאָן עפּעס וועגן דער ייִדישער קולטור הײַנט. ניט אַרום דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קולטור אָדער דער צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער קולטור, נאָר וועגן דעם וואָס איז דאָ איצט. ניט אַז מע דאַרף ניט טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט, אַוודאי דאַרף מען, אָבער מע דאַרף זיך זאָרגן וואָס מע קען טאָן הײַנט כּדי אויסצושולן מענטשן, זאַמלען ביכער און אַנטוויקלען די אינסטיטוציעס. פֿון די און אַנדערע אַקטועלע טעמעס האָט מען גערעדט אויף דעם סימפּאָזיום. ס'איז געווען אַ באַגעגעניש פֿון פֿאָרשערס און ליבהאָבערס פֿון ייִדיש פֿון דער גאַנצער וועלט.

5. געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד = A.E.D.C.Y. Association pour l'étude et la diffusion de la culture yiddish/French Association for Yiddish Studies 6. MATONES dons/donations 7. BINYEN bâtiment/building 8. BEYS SHOLEM ALEYKHEM musée Sholem Aleichem/Sholem Aleichem Museum, Tel Aviv 9. YIVO (ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ניו־יאָרק 10. BEKOREV bientôt/soon 11. BESHUTFES en commun/jointly.

## פֿאַקטן און ציפֿערן :

**1928** – זיבן יונגע בונדיסטן, אימיגראַנטן פֿון מיזרח־אייראָפּע, גרינדן די „נאָמבערג־ביבליאָטעק", אויפֿן נאָמען פֿון ייִדישן שרײַבער הערש־דוד נאָמבערג (1927–1876).

**1939** – די ביבליאָטעק פֿאַרמאָגט שוין 3 000 ביכער.

**1942** – מע טראָגט אַריבער די ביכער אין אַ באַהאַל־טענעם קעלער ווּ זיי בלײַבן ביזן סוף פֿון דער מלחמה.

**1945** – נאָך דער באַפֿרײַונג בײַט מען דעם נאָמען אויף „מעדעם־ביבליאָטעק" לכּבוד וולאַדימיר מעדעם, דעם גרויסן טעאָרעטיקער פֿון בונד (1923–1879)

**1965** – די ביבליאָטעק ציט זיך אַריבער אינעם איצטיקן לאָקאַל ; זי פֿאַרמאָגט שוין 10 000 ביכער.

**1978** – יצחק ניבאָרסקי קומט אָן פֿון אַרגענטינע און באַנײַט די ביבליאָטעק מיט אַ מאָדערנעם קאַטאַלאָג.

**2000** – די צאָל ביכער דערגרייכט כּמעט 30 000, די צאָל לייענערס : 470 רעגולערע און נאָך מער איינמאָליקע. מע עפֿנט אַן אַרכיוו־אָפּטייל און אַ זאַמלונג פֿון קלאַנג־דאָקומענטן. אַחוץ 4 אָנגעשטעלטע לעבט די ביבליאָטעק אַ דאַנק אַ צענדליק איבערגעגעבענע פֿרײַוויליקע.

## אַ שמועס מיט

# יצחק ניבאָרסקי

יצחק ניבאָרסקי איז באַקאַנט אַלע ייִדיש־לערנערס פֿאַר זײַן ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער[1]. ער איז אויך אַ פֿאָרשער (געשריבן זײַן דאָקטאָראַט־טעזע וועגן דער פּאָעזיע פֿון אַהרן צייטלין) און אַ פּאָעט (אַרויסגעגעבן לידער אין פֿאַרשיידענע ייִדישע אויסגאַבעס און אַ ביכל *ווי פֿון אַ פּוסטן פֿאַס*). ער לערנט ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין צוויי פּאַריזער אוניווערסיטעטן (נאַציאָנאַלער אינסטיטוט פֿאַר מיזרח־שפּראַכן[2] און אינסטיטוט שאַרל 5[3]), און אויך אינעם מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדיש. ער האַלט איצט אין גרייטן אַ נײַ ייִדיש־פֿראַנצייזיש ווערטערבוך.



**יצחק ניבאָרסקי**

### פֿאַרוואָס אַ נײַ ייִדיש ווערטערבוך אין יאָר 2000 ?

נו, אין יאָר 2000 דערפֿאַר וואָס מע האָט עס נישט געמאַכט פֿריִער ! ביז אַהער איז געמאַכט געוואָרן איין איינציק צווייִשפּראַכיק ייִדיש־פֿראַנצייזיש ווערטערבוך : פֿון ד״ר נח גריס און ד״ר שמואל קערנער, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1981. ס'איז געווען אַ פּיאָנערישער אויפֿטו, און ס'איז שטאַרק צו ניץ געקומען אַלע ייִדיש־לערנערס אָבער עס האָט אויך די באַגרענעצונגען[4] פֿון אַ פּיאָנעריש ווערק. איצטער האָבן מיר אַ סך מער פּראַקטיק און אַ ביסל מער מיטלען, אַרײַנגערעכנט אַפֿילו אַ ביסל מער פֿינאַנציעלע מיטלען, און מיט גרויס אָנשטרענגונג קען מען זיך אונטערנעמען מאַכן אַ גרעסערע און פֿולערע זאַך.

### און פֿאַר וועמען ? ווער וועלן זײַן די באַניצער ?

די באַניצער זײַנען די ייִדיש־תּלמידים פֿון אַמאָל און פֿון הײַנט, און דאָס איז שוין אַ גאָר ברייטער קרײַז. זיי אַלע וואָלטן געוואָלט האָבן אַ ווערטערבוך וואָס זאָל זײַן אַ מכשיר[5] צו לייענען ייִדישע ליטעראַטור. איך מיין אַז ס'איז אויך פֿאַראַן אַ פּאָטענציעלער עולם, מענטשן וואָס זײַנען נישט דירעקט פֿאַרבונדן מיט ייִדישקורסן נאָר וואָס קענען אַ ביסל ייִדיש און וואָלטן זיך דערוועגט[6] צוצוטרעטן צו אַ ייִדיש בוך ווען זיי ווייסן אַז זיי האָבן מיט וואָס זיך אַרויסצוהעלפֿן בײַם לייענען. אַזעלכע מענטשן געפֿינען זיך אַוודאי לרובֿ[7] אין פֿראַנקרײַך, אָבער אויך אין בעלגיע, אין דער שווייץ, אין קאַנאַדע און גיי ווייס ווו נאָך.

### ווי אַזוי אַרבעט איר ?

דאָס איז אַ קשיא[8] וואָס דער ענטפֿער אירער קען פֿאַרנעמען ביז עטלעבע שעה.... עס אַרבעטן איבערן ווערטערבוך עטלעכע מענטשן, דער עיקר ד״ר בערל ווײַסבראָט און איך אַליין, אָבער אויך ד״ר שמעון נויבערג פֿונעם טרירער אוניווערסיטעט, און עס העלפֿן אונדז מיט עצות[9] נאָך עטלעכע פֿרײַנד. מיר אַרבעטן אַזוי : מיר באַניצן זיך ערשטנס מיטן ווערטער־קאַפּיטאַל פֿון די פֿאַראַנענע[10] לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק, דאָ מיין איך נישט נאָר אַלע ווערטערביכער, נאָר אויך דעם *אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך*[11], און פֿאַרשיידענע פֿילאָלאָגישע אויסגאַבעס און זאַמלונגען. אויך די ווערק פֿון די אָנגעזעענע ייִדישע לינגוויסטן און פֿילאָלאָגן, ווי מאַקס ווײַנרײַך, יודל מאַרק, זלמן רייזען, דבֿ סדן[12], און אַנדערע... מיר באַניצן זיך דערצו מיט די גלאָסאַרן וואָס מיר אַליין ווי ייִדיש־לערערס האָבן געשאַפֿן אין גאַנג פֿון די יאָרן...

### וואָס זײַנען די שווערסטע פּראָבלעמען ?

די ערשטע פּראָבלעם איז זיך ספּראַווען[13] מיט הונדערטער, אַפֿילו טויזנטער לאָקאַליזמען פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם וואָס מיר אַליין ווייסן

[סוף זײַט 7]

1. LOSHN-KOYDESh… mots d'origine hébraïque et araméenne/words of Hebrew and Aramaic origin 2. INALCO - Institut national de langues et civilisations orientales 3. institut Charles V (université Paris 7) 4. limites/limitations 5. MAKhShIR outil/tool 6. osé/dared 7. LEROV en grand nombre/a great many 8. KAShE question 9. EYTSES conseils/advice 10. existants/existing 11. OYTSER… thesaurus de/by N. Stutchkov 12. Dov Sadan 13. venir à bout de/deal with, master.

[סוף פֿון זײַט 6]

מערסטנס נישט וואָס זיי מיינען. מיר האָבן נישט קיין ברירה[14] ווי צו פּרוּוון אַרויסדרינגען זייער באַטײַט פֿון די קאָנטעקסטן אין די ליטעראַרישע ווערק, פֿון די פֿאַראַנענע ווערטערביכער (אָבער אָפֿט מאָל זײַנען דאָרטן די אָפּטײַטשן נישט גענוג) אָדער פֿון די ווערטערביכער פֿון די פֿאַרשיידענע סלאַווישע שפּראַכן. נאָר דעמאָלט זײַנען מיר ניט זיכער אַז דער ייִדיש־רעדער האָט אַרײַנגעלייגט אין יעדן וואָרט דעם זעלבן קנייטש[15] און דעם זעלבן סעמאַנטישן תּוכן[16] ווי עס האָבן אַרײַנגעלייגט די פּאָלאַקן, ווײַסרוסן, אוקרײַנער, רוסן אא״וו[17]. דערנאָך זײַנען דאָ אָרטאָגראַפֿישע פּראָבלעמען. ייִדיש האָט טאַקע אַן אײנהייטלעכן אויסלייג אָבער ס׳איז דאָ אַ גרויסע מאַסע דיאַלעקט־ווערטער, לאָקאַליזמען, זעלטענע ווערטער וואָס מע דאַרף נאָך פּסקנען[18] ווי אַזוי מע זאָל זיי אויסלייגן. אויסער דעם, אַזוי ווי מע

| | | |
|---|---|---|
| אַבאָרט | abort/N | 〔男〕堕胎 |
| אַבזיכט | abzikht/N | 〔男〕意図 |
| אַבי | abi | 〔接〕～する限り |
| אָביעקטיוו | obyektiv/N | 〔男〕対物レンズ |
| אָבליגאַטאָריש | obligatorish | 〔形〕義務的な |
| אָבליגאַציע | obligatsye/s | 〔女〕義務 |
| אַבסאָלווענט | absolvent/N | 〔男〕卒業生 |
| אַבסאָלוט | absolut | 〔形〕絶対の，完全の |
| אַבסאָרבירן | absorbirn (B) | 〔動〕吸収する |
| אַבסטראַקט | abstrakt | 〔形〕抽象的な |
| אָבסערוואַציע | observatsye/s | 〔女〕観察 |

**אַ זײַט פֿון דעם ייִדיש־יאַפּאַנישן ווערטערבוך**
**פֿון קאַזואָ אועדאַ (טאָקיאָ, 1994)**

וויל אַז דאָס ווערטערבוך זאָל זײַן אַ הילף פֿאַר די לייענערס פֿון די עקזיסטירנדיקע ייִדישע ביכער, זײַנען מיר מחויבֿ[19] צו געבן סײַ ווי אַ סך אָרטאָגראַפֿישע וואַריאַנטן... דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסע שוועריקייט.

### וואָס זײַנען אײַערע פּלענער אויף דער צוקונפֿט ?

דערווײַל איז אונדזער הייסטע שטרעבונג צו דערפֿירן דעם איצטיקן פּראָיעקט ביזן סוף און אפֿשר אָפּכאַפּן דעם אָטעם נאָך דעם. אין אַלגעמיין בין איך זיכער אַז עס וועלן נאָך זײַן ייִדישע צווייִשפּראַכיקע ווערטערביכער אויף די פֿאַרשיידנסטע שפּראַכן. מע דאַרף נייטיק האָבן אָ פֿולער און מאָדערנער ייִדיש־ענגליש ענגליש־ייִדיש ווערטערבוך, מע דאַרף האָבן דרינגענדיק עפּעס אַ לײַטיש ייִדיש־העברעיִש העברעיִש־ייִדיש ווערטערבוך... איך בין זיכער אַז די ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע האָט נאָך אַ גרויסע צוקונפֿט.

14. BREYRE choix/choice 15. nuance 16. TOYKhN contenu/content 17. און אַזוי ווײַטער 18. PASKENEN décider, trancher/determine, rule 19. MEKhUYEV obligés/obliged .

# ייִדיש אין שטראַסבורג

שטראַסבורג, די אייראָפּעיִשע הויפּטשטאָט, וואָס נעמט שוין אויף אַזוי פֿיל אייראָפּעיִשע אינסטיטוציעס, וועט זיך בקרובֿ[1] אויך באַרײַכערן מיט אַן „אייראָפּעיִשן צענטער פֿאַר ייִדישע קולטורן״, פּאַטראָנירט פֿון דער שטראַסבורגער מוניציפּאַליטעט. דער צענטער וועט פּרעזענטירט ווי אַ היים פֿאַר קונסט און פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג, וואָס דאַרף העלפֿן פֿאַרבינדן דעם הײַנטיקן עולם[2] מיטן רײַכן ייִדישן אַמאָל אין מערבֿ־ און מיזרח־אייראָפּע[3].

אָבער דער ברייטפֿאַרנעמיקער[4] פּראָיעקט איז אויף להבא[5]. דערווײַל צייכנט זיך שטראַסבורג אויס[6] אויף דער ייִדישער גאַס מיט די פֿאַרצווײַגטע[7] אַקטיוויטעטן פֿון אַ גרופּעלע ייִדיש־ליבהאָבערס : „דער לופֿט־טעאַטער[8]״, וואָס שטעלט אַלע יאָר אַ נײַעם ספּעקטאַקל אין אָדער אַרום ייִדיש (זע *טעם־טעם* נומער 22) ; „די ייִדישע מאַמאַס און פּאַפּאַס״ מיט דער זינגערין אַסטריד רוף, וואָס פֿאַרשפּרייטן און באַנײַען דעם ייִדישן מוזיקאַלישן רעפּערטואַר ; דער „קרײַז וולאַדימיר ראַבי״ וואָס פֿאַרבעט יעדן חודש[9] אַ חשובֿן[10] גאַסט אויף צו האַלטן אַ רעפֿעראַט און אָנפֿירן מיט אַ סעמינאַר פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרום אַ שרײַבער צי אַ מאָטיוו פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ; און אחרון אחרון חבֿיבֿ[11] – די קליינע נאָר ענטוזיאַסטישע ייִדישקורסן וואָס קומען פֿאָר וואָך נאָך וואָך אין די בנינים[12] פֿון דער „אָרט[13]״־שול (די זעלבע וואָס האָט אין 1998 אויפֿגענומען דעם שטראַסבורגער זומערקורס פֿאַר ייִדיש). דער סך־הכּל[14] איז דערווײַל אַ באַשיידענער, אָבער מע קען פֿילן בחוש[15] ווי עפּעס קאָכט זיך. טאָ לאָמיר האָבן געדולד און זען וואָס עס וועט זיך אויסקאָכן...

1. BEKOREV bientôt/soon 2. OYLEM public 3. MAYREV...MIZREKh... l'Europe orientale et occidentale/Western and Eastern Europe 4. de grande portée/far-reaching 5. ...LEHABE pour l'avenir/for the future 6. se distingue/is distinguished by 7. variés, ramifiés/multifaceted 8. "LufTeater", Théâtre en l'air 9. KHOYDESH mois/month 10. KHOSHEVN *(acc.)* important 11. AKHREN AKHREN KHOVEV enfin et surtout/last but not least 12. BINYONIM batiments, locaux/buildings, premises 13. O.R.T. Œuvre Reconstruction Travail, organisme fondé en Russie en 1880/Society for Manual Work, founded in Russia in 1880 14. SAKHAKL le tout/the sum total 15. BEKHUSH sensiblement/one can sense.



זינט דעם שוואַרצן טאָג בײַם אַלטן בבֿל־טורעם[1] ווען גאָט האָט באַשלאָסן אַז ער וועט „אַראָפּנידערן און צעמישן דאָרטן זייער שפּראַך" (בר' יא:7)[2] מוזן מענטשן זיך באַניצן מיט איבערזעצערס און איבערזעצונגען. נאָר צו זיי האָבן אַלע טענות[3] – מע קריטיקירט, מע ציטירט דאָס איטאַליעניש̈ע ווערטל „טראַדוטאָרע טראַדיטאָרע", און מע דערמאָנט דעם אַלטן וויץ „ווען זי איז שיין איז זי נישט געטרײַ, ווען זי איז געטרײַ איז זי נישט שיין".

# פֿון בבֿל ביז פּאַריז

יצחק באַשעוויס[4] פֿלעגט זיך אַ סך ראַנגלען מיט זײַנע איבערזעצערס און האָט אַ סך שלעכטס געזאָגט וועגן איבערזעצונג. איין מאָל האָט מען אים געפֿרעגט וואָס וואָלט ער טאָן אויב ער וואָלט באַגעגנט גאָט פּנים־אל־פּנים[5]. ער האָט געענטפֿערט אַז ער וואָלט אים געבעטן מיטצואַרבעטן בײַ אַן איבערזעצונג ! ער וואָלט אים אָבער נישט געטרויט[6] ער זאָל עס טאָן אַליין. לויט זײַן טעאָריע, האָט ער צוגעגעבן, איז די וועלט דערפֿאַר קאַפּויער[7], ווײַל זי איז אַ שלעכטע איבערזעצונג פֿון גאָטס אָריגינאַל. דאָס האָט איבערגעזעצט דער שׂטן[8] און מע האָט עס מסתּמא[9] פּובליקירט איידער גאָט האָט געקענט מאַכן קאָרעקטורן.

## וויפֿל פֿון אונדז האָבן געלייענט „די ברידער קאַראַמאַזאָוו" אינעם אָריגינאַל ?

פֿון דער אַנדער זײַט ווייסן מיר אַז מיר פֿאַרלאָזן זיך אַלע אויף איבערזעצונגען. האַמלעט, דאָן קיכאָט, זשאַן וואַלזשאַן, די ברידער קאַראַמאַזאָוו, און די געשטאַלטן פֿון תּנך[10] זײַנען אונדז נאָענט, מיר נעמען זיי אָן ווי אייגענע מענטשן, כאָטש וויפֿל פֿון אונדז האָבן זיי אַלע געלייענט אינעם אָריגינאַל ?

וואָס שייך[11] דער ייִדישער ליטעראַטור איז דאָס איבערזעצן איין טייל פֿון דער פֿאַרפּלאָנטערטער פֿראַגע ווי אַזוי איבערצוגעבן די ייִדישע ירושה[12] די קומענדיקע דורות[13]. אַוודאי שאַפֿט מען ייִדישקורסן, ווערטערביכער, אאַ"וו[14], נאָר פֿאַר אַ גאָר ברייטערן עולם[15] מוז מען סײַ ווי[16] אָנקומען צו איבערזעצונג.

רחל ערטעל[17], פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער און אַמעריקאַנישער ליטעראַטור אין אינסטיטוט שאַרל 5, וואָס האָט אַליין אַ סך איבערגעזעצט און אויך אויסגעשולט[18] אַנדערע איבערזעצערס, זאָגט : איבערזעצן איז נייטיק צוליב פֿאַרשיידענע סיבות[19]. ערשטנס, פֿאַר די וואָס האָבן ניט קיין דירעקטן צוטריט צום אָריגינאַל וויל מען זיי זאָלן קענען די ווערק אַרײַננעמען אין זייער אייגענעם נפֿש[20] אויף וועלכער שפּראַך עס זאָל ניט זײַן[21]. דערצו קען אַן איבערזעצונג צוציִען מענטשן צו דער שפּראַך גופֿא[22]. צווייטנס קען דאָס אויך באַפֿרוכפּערן[23] די אַרומיקע קולטור, אַ ייִדישער

[סוף זײַט 9]

1. BOVL-… tour de Babel/Tower of Babel 2. BREYSHES … Gen. 11:7 איבערזעצונג פֿון יהואש [YEHOYESH] 3. … TAYNES s'en plaignent/complain about 4. Isaac Bashevis Singer 5. PONEM EL PONEM face à face/face to face 6. fait confiance/trusted 7. sens dessus dessous/topsy turvy 8. SOTN Satan 9. MISTOME probablement/probably 10. TANAKH Bible juive/Jewish Bible 11. … SHAYEKH en ce qui concerne/concerning 12. YERUSHE patrimoine/heritage 13. DOYRES générations 14. און אַזוי ווײַטער 15. OYLEM public 16. de toute façon/in any case 17. Rachel Ertel 18. formé/trained 19. SIBES raisons/reasons 20. NEFESH être/being 21. *expr*. quelle qu'elle soit/any … at all 22. GUFE elle-même/itself 23. ensemencer/sow seeds in.

[סוף פֿון זײַט 8]

עלעמענט זאָל אַרײַנגײן אין דער פֿראַנצײזישער קולטור און די פֿראַנצײזישע שפּראַך זאָל זיך באַרײַכערן מיטן סטיל, מיט די בילדער און די ריטמען פֿון ייִדיש.

בתיה בוים[24] איז אַ ייִדיש־לערערין און אַן איבערזעצערין פֿון ייִדיש אין פֿראַנצײזיש. זי האָט באַקומען דעם האַלפּערין־קאַמינסקי פּרײַז פֿאַר איר איבערזעצונג פֿון בוך *פֿון אַלטן מאַרקפּלאַץ*, די מעמואַרן פֿון יוסף בולאָוו[25], האָט געאַרבעט איבער פּרץ, אַנ־סקי, מאַרקיש, גלאַטשטיין און אַלטער קאַציזנע, און האַלט איצט אין איבערזעצן מענדעלעס *די קליאַטשע*. זי האָט גאָר אַ ברייטן קוק אויף דעם ענין[26]. צוזאַמען מיט אַ ברעטאָנער פּאָעט, קוליש קעדעז[27], האָבן זיי איבערגעזעצט פּרץ מאַרקישעס *די קופּע*[28] און יצחק קאַצענעלסאָנס *ליד פֿונעם אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק*[29]... אויף ברעטאָניש ! אַזעלכע לידער, זאָגן זיי, מוז מען איבערזעצן אויף אַלע שפּראַכן, און עס וואָלט געווען כּדאי צו שאַפֿן אַ פֿאָנד (פֿאַר וואָס ניט אונטערגעשטיצט פֿון דעם אייראָפּעיִשן פּאַראיין) וואָס זאָל העלפֿן איבערזעצן פֿון ייִדיש.

## באָבערס פֿראַנצײזיש האָט שוין אַזאַ שטאַרקן אָפּקלאַנג פֿון ייִדיש

נאָך אַן אינטערעסאַנטע איניציאַטיוו איז די אַרבעט פֿון אַ גרופּע מענטשן וואָס האַלטן אין איבערזעצן בשותּפֿות[30] ראָבער באָבערס ראָמאַן, *וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה ?*[31] – פֿון פֿראַנצײזיש אין ייִדיש. פֿאַר וואָס אַזאַ אונטערנעמונג ? ערשטנס פֿאַר אונדז אַליין, דערקלערט רענע קאַלושינסקי, איינע פֿון דער גרופּע. מיר זענען אַלע געוועזענע תּלמידים פֿון די ייִדישקורסן אין מעדעם־צענטער, האָבן מיר געוואָלט ווײַטער גיין מיט אונדזערע שטודיעס און באַשלאָסן זיך נעמען צו אַן איבערזעצונג. מיר האָבן אויסגעקליבן באָבערס בוך ווײַל די שפּראַך זײַנע האָט שוין אַזאַ שטאַרקן אָפּקלאַנג פֿון ייִדיש. ס'איז פֿאַר אונדז זייער אַ פּרוכפּערדיקע[32] אַרבעט. מיר געפֿינען אַזוי פֿיל סינאָנימען אַז ס'איז אונדז אײַנגעפֿאַלן צונויפֿצושטעלן אַ רשימה[33] פֿון סינאָנימען. פֿון אַן אַנדער זײַט, אויב מע וויל אַז ייִדיש זאָל לעבן איז דאָך קלאָר אַז מע מוז רעדן און שרײַבן און איבערזעצן אויף ייִדיש. און נאָך עפּעס : ווען מיר האַלטן אין אַרבעטן זאָגן מיר שטענדיק „מײַן מאַמע פֿלעגט זאָגן...", „ מײַן טאַטע וואָלט געזאָגט..." דאָס גיט אונדז אַ געפֿיל אַז אונדזערע עלטערן זײַנען נאָך אַלץ מיט אונדז.

24. BASYE ... Batia Baum 25. *Yossik* de Joseph Bulov, Phébus, Paris, 1996 26. INYEN sujet/matter 27. Koulizh Kedez 28. Perets Markish *Le tas*/*The Mound* 29. ... OYSGEHARGETN ... Yitskhok Katsenelson *Le chant du peuple juif assassiné*/*The Song of the Assassinated Jewish People* 30. BESHUTFES en collaboration/jointly 31. Robert Bober *Quoi de neuf sur la guerre ?* P.O.L., Paris 1993 32. fructueux/fruitful 33. RESHIME liste/list.

## אין פֿראַנצײזישער איבערזעצונג קען מען לייענען :

ש. אַנ־סקי, יוסף[1] אָפּאַטאָשו, שלום[2] אַש, יצחק[3] באַשעוויס, יוסף בולאָוו, דוד[4] בערגעלסאָן, חיים[5] גראַדע, ציליע דראָפּקין, משה[6]־לייב האַלפּערן, גליקל האַמעל, משה וואַלדמאַן, עוזר[7] וואַרשאַווסקי, ישׂראל־יהושע[8] זינגער, דאָרע טייטלבוים, איציק מאַנגער, מענדל מאַן, מענדעלע מוכר־ספֿרים[9], דער נסתּר[10], אַבֿרהם[11] סוצקעווער, יצחק־לייבוש פּרץ[12], מרדכי[13] צאַנין, אהרן[14] צייטלין, אַלטער קאַציזנע, יצחק קאַצענעלסאָן, משה קולבאַק, אסתּר[15] קרײַטמאַן, ישׂראל ראַבאָן, יונה[16] ראָזענפֿעלד, מנוחה[17] ראַם, ל. שאַפּיראָ, מרדכי שטריגלער, שלום־עליכם[18], זלמן שניאור[19], ישעיהו[20] שפּיגל, און נאָך אַ סך אַנדערע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער וואָס זייערע ווערק ווערן געדרוקט אין פֿאַרשיידענע אַנטאָלאָגיעס און צײַטשריפֿטן.




1. YOYSEF 2. SHOLEM 3. YITSKHOK 4. DOVID 5. KHAIM 6. MOYSHE 7. OYZER 8. YISROEL-YOSHUE 9. MENDELE MOYKHER SFORIM 10. DER NISTER 11. AVROM 12. PERETS 13. MORDKHE 14. ARN 15. ESTER 16. YOYNE 17. MENUKHE 18. SHOLEM-ALEYKHEM 19. ZALMEN SHNEYER 20. YESHAYE.

אויפֿן אינטערנעץ קען מען לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אַדרעס :

www.yiddishweb.com

אויפֿן זעלביקן אַדרעס קען מען געפֿינען כּלערליי אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם ייִדיש־לעבן אין פֿראַנקרײַך.

חנה קלייַנע פֿון טריר שיקט אַ מעשׂה פֿון אירע יונגע יאָרן וואָס גיט אַן פערזענלעכן קוק אויף שפּראַכיקע ענינים[1] לאַנג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אַ ייִדישער משפּחה וואָס האָט זיך שוין אַסימילירט ווער אין דענמאַרק, ווער[2] אין דייַטשלאַנד.

# וואָס „שיקער"[3] די דענער...

צווישן אַלע אייראָפּעיִשע לשונות[4] איז דאָך ייִדיש אַוודאי די סאַמע אייראָפּעיִשע שפּראַך : בעת זי האָט גענומען פֿון וואָסער אייראָפּעיִשער קולטור עס זאָל נישט זייַן[5] אַ וואָרט אָדער אַ גראַמאַטישן אייגנס[6], האָט זי איבערגעלאָזט בייַ די אומות־העולם[7] דאָ אַ פּערל און דאָרטן אַן אבֿן־טובֿ[8]. לאָמיך אָבער רעדן וועגן מייַן אייגענער אייראָפּעיִשער ירושה : זי נעמט זיך פֿון דענמאַרק, פֿון דער שווייץ און פֿון דייַטשלאַנד. דעריבער שטעל איך זיך אָפּ[9] אויף די שפּראַכן וואָס קומען אַרויס מער וויניקער פֿליסיק[10] פֿון מייַן אייראָפּעיִש מויל : דעניש פֿונעם טאַטנס צד[11] און דייַטש פֿון דער מאַמעס צד.

ווי באַלד[12] איך בין איצטער אונטערגעוואַקסן[13] און האָב זיך אויסגעלערנט אי ייִדיש אי טרינקען בראָנפֿן, פֿאַלט מיר אייַן אַן אינטערעסאַנטע אייראָפּעיִשע מעשׂה פֿון מייַנע קינדער־יאָרן : די גאַנצע משפּחה איז געזעסן צוזאַמען אויף אַ חתונה[14] און מע האָט זיך צערעדט אויף דייַטש און אויף דעניש, ווי ס'איז געווען דער שטייגער בייַ אונדז. מע האָט געשמועסט, הייסט עס (כאָטש איך מיין נישט, אַז מע האָט זיך געצערטלט[15], וואָס איז אַן ערך[16] דער באַטייַט פֿון schmusen אויף דייַטש...). דער ווייַן האָט שוין אַ ביסל געהאַט פֿאַרלייַכטערט די געמיטער[17], האָט מען זיך גענומען צו דעם חתן[18], אַ יונגער־מאַן מיט אַלע מעלות[19]. נאָר די באָבע האָט געהאַט טענות[20] :

– ער איז דאָך... אַ „שיקסער"...

– אַ וואָס ?!

– ווי רופֿט מען עס, אַ שיקסע אַ מאַנסביל[21] ?

האָבן די יונגע לייַט זיך צעלאַכט און געפּרוּווט דערגרונטעווען[22] די זאַך. אַז „שיקסע" מיינט אַ ניט ייִדיש מיידל, דאָס איז געווען קלאָר פֿאַר אַלע, כאָטש דאָס וואָרט Schickse אויף דייַטש מיינט גלאַט אַ ניט סימפּאַטישע מויד און אויף דעניש איז עס אין גאַנצן ניטאָ. קיינער האָט אָבער, ווייַזט אויס, ניט געוווּסט, אַז אַ שיקסע קער זיך אָן[23] צו דער גרויסער „גוייִשער" משפּחה, אין איינעם מיטן „שייגעץ", „שקצים" און אַלע „שקצימלעך"[24]. דער פֿאָרשלאָג[25] פֿון די דענער איז באַלד געווען – שטאָטס[26] דעם דייַטשישן „שיקסער", אַ „שיקער" (Skiker), לויט די כּללים[27] פֿון דער דענישער גראַמאַטיק. האָבן אַ טייל פֿון די געסט אָבער אָפּגעפֿרעגט[28] דאָס וואָרט „שיקער" און אָנגעהויבן צו פֿאַרטיידיקן[29] דעם חתן : קיין בראָנפֿן טרינקט ער דערווייַל ניט – קאָן ער דאָך ניט זייַן קיין „שיכּור"[30] ! דאָ זענען ביידע צדדים געווען אייַנשטימיק, כאָטש – איר וועט מיר גלייבן צי ניט – ניט אויף דייַטש און ניט אויף דעניש איז פֿאַראַן אַ וואָרט „שיכּור" פֿאַר אַן אָנגעטרונקענעם מיט אַלקאָהאָל. דערפֿאַר האָב איך דעמאָלט דעם שפּיץ ניט געכאַפּט[31]. איצט ערשט פֿאַרשטיי איך, אַז די משפּחה האָט פֿאַרמאָגט נאָך אַ שפּראַך־אוצר[32] וואָס מיר האָט מען פֿון אים נישט געהאַט דערציילט !... און אַז זייער בשותּפֿותדיקע ירושה[33] האָט דערגרייכט פֿון דענמאַרק ביז שווייץ מיט ווערטער וואָס קומען פֿון ייִדיש און וואָס זייער באַטייַט איז בייַ זיי נאָך געבליבן דער אָריגינעלער, נישט געקוקט אויף[34] דעם הייַנטיקן דייַטש און דעניש. איך געדענק נאָך אַז מע האָט זיך געפּילפּולט[35] און פֿירגעלייגט : „שיקסער", „שיקסעריך" און „שיקסערער" – דאָס איז געווען פֿון דער דייַטש־רעדנדיקער זייַט – בשעת די דענער האָבן געהאַלטן פֿון „שיקער", „שיקיִער" אָדער „שיקעריִער"[36]. דער „שיקעריִער" קלינגט ענלעך צו אַן אַנדער דייַטשיש וואָרט, Schickeria, וואָס איז אַ חשובֿע חבֿרה גבֿירים[37] און נעמט זיך גלייַכער פֿון פֿראַנצייזיש „שיק" (chic). אויב איר גייט אַ מאָל אַרום אין אַ שטאָט אין דייַטשלאַנד וועט איר זיכער געפֿינען ווו אַ באַר מיטן נאָמען "Schickeria", וואָס מע האָט אייַנגעפֿירט מסתּמא אַלע ייִדישיסטן זאָלן האָבן פֿון וואָס צו לאַכן... „סקאָל"[38]



אַ בשותּפֿותדיקע ירושה

**מיט דעם לאָגאָ שטיצט דער אייראָפּעיִשער ראַט קולטורעלע אַרבעט אויף מינדערהייט־שפּראַכן**

1. INYONIM questions *sing.* INYEN 2. certains ... autres.../some ... others 3. *jeu de mots avec le comparatif yiddish du mot français "chic"/pun on the Yiddish comparative of the French word "chic"* 4. LEShOYNES שפּראַכן *sing.* LOShN 5. quelque ... que ce soit/any ... 6. unité/unit 7. UMES-HOOYLEM ניט ייִדישע פֿעלקער 8. EVN-TOV איידלשטיין 9. je me penche sur/I wish to consider 10. couramment/fluently 11. TSAD côté (d'une famille)/side (of a family) *pl.* צדדים TSDODIM 12. comme, maintenant que/since, now that 13. j'ai grandi/I've grown up 14. KhASENE mariage/marriage 15. câliné/fondled 16. ... EREKh à peu près/approximately 17. *sing.* געמיט l'humeur/mood 18. KhOSN le marié/bridegroom 19. MAYLES qualités/virtues 20. TAYNES reproches/complaints 21. un homme/a man 22. approfondir/fathom 23. est apparentée avec/is related to 24. ... ShKOTSIM, ... ShKOTSIMLEKh 25. suggestion 26. au lieu de/instead of 27. KLOLIM règles/rules 28. contesté/contested 29. défendre/defend 30. ShIKER ivrogne/drunkard 31. je n'ai pas saisi/I didn't get the point 32. OYTSER trésor/treasure 33. BEShUTFESDIKE YERUShe patrimoine commun/common heritage 34. sans tenir compte de/irrespective of 35. GEPILPLT coupait les cheveux en quatre, ergotait/split hairs 36. אַלע וואַריאַנטן פֿון דער באָבעס וואָרט „שיקסער" 37. KhOShEVE KhEVRE GEVIRIM "jet set" 38. דעניש : „לחיים"

ענגלאַנד איז באַרימט מיט זײַן טעאַטער – אי זײַן לאַנגע טעאַטער־טראַדיציע אי די גרויסע צאָל טעאַטערס וואָס מע געפֿינט דאָרט הײַנט צו טאָג. ווען מע וווינט אין ענגלאַנד הייבט מען באַלד אָן צו זען אַלץ אין פֿאָרעם פֿון אַ פּיעסע. נישט קיין ווונדער וואָס אונדזער קאָרעספּאָנדענטקע , מרים טרין, האָט באַשריבן די וועלט פֿון ייִדיש־לימודים[1] דאָרטן אַזוי ווי ס'וואָלט געווען אַ טעאַטער־שפּיל. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן ווי שעקספּיר אַליין האָט געזאָגט : „די גאַנצע וועלט איז אַ בינע...‟



אַ טעאַטער פֿון שעקספּירס צײַטן

# ייִדיש... שעקספּיר... אייראָפּע...

*אַ מאָל איז געווען אַ גרויסער פּאָעט*
*געשריבן, געשפּילט און געשמט[2]*
*געוואָרן אַ גיבור[3] בײַ אַנגלאָסאַקסן*
*נאָר נעבעך קאָ׳[4] ייִדיש ניט געקענט.*

נאָר אַז טעאַטער אויף ייִדיש אין שעקספּירס קאַנטן[5] איז מעגלעך האָט מען זיך טאַקע גענומען באַווײַזן עטלעכע יאָרהונדערטער נאָך יענעמס לעצטן אַקט. און אַצינד, אויף דער שוועל צווישן צוויי יאָרהונדערטער, קוקט דער ענגלישער עולם[6] צוריק אויף כּמעט צען יאָר „קאָמעדיעס‟, „טראַגעדיעס‟ און „משׂכּילישע‟[7] פֿאָרשטעלונגען – די לעצטע דווקא זייער אַ געלונגענע, אונטערן טיטל : *אינטערנאַציאָנאַל־אַקאַדעמישער וואַרשטאַט פֿון ייִדישער דראַמע, טעאַטער און פֿאָרשטעלונג־קונסט* „אינסצענירט‟ דורכן אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העברעיִשע און ייִדישע שטודיעס. דער צענטער, (אַ שטיקל מחותּן[8] צום אָקספֿאָרד יוניווערסיטי) לייגט פֿאָר אַן אייך־יאָריקע דיפּלאָם־פּראָגראַם וואָס נעמט אַרײַן אינטענסיווע קורסן פֿון ייִדישער שפּראַך. ייִדיש־סטודענטן לערנען זיך אַלע טאָג אי די שפּראַך אי ייִדישע ליטעראַטור אָדער לינגוויסטיק. די ייִדישע „בינע‟ פֿונעם צענטער איז געגרינדט געוואָרן דורכן באַקאַנטן פֿאָרשער דוד קאַץ, וואָס האָט זי אָבער דערווײַל אָפּגעטראָטן זײַן אַמאָליקן תּלמיד דבֿ־בער קערלערן, אַ געטרײַער פֿאָרזעצער פֿון די ייִדישע לינגוויסטיק־לימודים אין אָקספֿאָרד, וואָס ווערן פֿאַררעכנט צווישן די בעסטע אין דער גאָרער אַקאַדעמישער וועלט.

אין גאַנצן אַן אַנדער סאָרט „קאָמפּאַני‟ שטעלט מיט זיך פֿאָר דער שכן[9], דער אָקספֿאָרדער ייִדיש־אינסטיטוט, דער איינציקער אינסטיטוט אין אייראָפּע געווידמעט בלויז דעם ייִדיש־לימוד. זײַן „רעפּערטואַר‟ באַשטייט פֿון ייִדישקורסן, דעם אָקספֿאָרדער זומער־פּראָגראַם און אַ פֿאָרשער־קאָנפֿערענץ איין מאָל אַ יאָר. דער דירעקטאָר, גענאַדי עסטרײַך, האָפֿט אַז זיי וועלן בקרובֿ[10] אַרויסגעבן אַ נײַ ייִדיש־לערנבוך.

אָבער נישט אַלץ וואָס איז שייך[11] ענגלאַנדס ייִדישער וועלט בלײַבט פֿאַרשפּאַרט צווישן די פֿאַרצײַטיקע מויערן[12] פֿון אָקספֿאָרד. אין לאָנדאָן פֿײַערט מען הײַיאָר די „פּרעמיערע‟ פֿון ייִדישקורסן אינעם לאָנדאָנער יוניווערסיטי־קאָלעדזש („סצענאַר‟ : חיהלע ביר).

אַן אמתדיק טשיקאַוועס[13] אויף דער ייִדישער „סצענע‟ פֿון לאָנדאָן איז אַ קאַפּעליע אַלטע ייִדן, די *פֿרײַנד פֿון ייִדיש*, וואָס לייענען, זינגען און שפּילן ניגונים[14] שוין מער ווי 60 יאָר, שבת אײַן, שבת אויס. צוקוקנדיק זיך צו זייערע אויפֿטוען[15] ווערט מען גיך אַליין אַן אַקטיאָר און די שפּראַך ווערט אַ בריק צווישן הײַנט און אַמאָל. נאָכן צוהערן זיך צו די מענערס חזנים־שטימען[16] בלײַבט צום סוף אַ פֿאַרוווּנדערט פּאַטשן בראַוואָ.

און מען וואָלט געקענט אָפּשליסן דאָ מיט אַ „פֿאָרהאַנג פֿאַלט‟ – נאָר אַז עס בלײַבט פֿאָרט צו דערמאָנען נאָך איין זאַך : אַפֿילו אין דער פּראָלעטאַריער־שטאָט בירמינגעם טרינקט מען אויף אָוונטקורסן דעם „נאָך אַכט אָ קלאָק טיי‟ אויף ייִדיש...



1. LIMUDIM études/studies 2. GESHEMT était célèbre/was famous 3. GIBER héros/hero 4. קיין 5. contrée/regions 6. OYLEM public 7. MASKILISHE … référence au théâtre de la Haskala (“Lumières” juives)/reference to the theater of the Haskala (Jewish Enlightenment) 8. … MEKHUTN il a un certain lien de parenté avec/broadly affiliated with 9. SHOKHN voisin/neighbor 10. BEKOREV bientôt/soon 11. … SHAYEKH concernant/concerning 12. murs anciens/age-old walls 13. curiosité/curiosity 14. NIGUNIM mélodies 15. exploits/achievements 16. KHAZONIM-… voix de chantres/cantorial voices.

דעם ווײַטערדיקן אַרטיקל האָט אונדז געשיקט
אַ נײַער קאָרעספּאָנדענט פֿון ניו־יאָרק, קעווין מרדכי באַביץ

# לודוויק זאַמענהאָף[1]

## דער פֿאָטער פֿון עספּעראַנטאָ

אַלע קענען די געשיכטע פֿון אַ ייִדישן געלערנטן פֿון דער ליטע, אליעזר בן־יהודה[2], וואָס האָט סוף 19טן יאָרהונדערט, אויפֿגעלעבט[3] די „אַלט־נײַע“ שפּראַך און געשאַפֿן דאָס מאָדערנע העברעיִש. אָבער נישט אַזוי פֿיל מענטשן קענען אַן אַנדער ייִדישן וויסנשאַפֿטלער פֿון זעלבן אָרט, לודוויק זאַמענהאָף, וואָס האָט אין דער זעלביקער צײַט געשאַפֿן אַ „נײַ־נײַע“ שפּראַך. בן־יהודה האָט געזען העברעיִש ווי אַ מיטל צו פֿאַראייניקן דאָס ייִדישע פֿאָלק. זאַמענהאָף האָט געהאָפֿט מיט זײַן שפּראַך צו פֿאַראייניקן די גאַנצע וועלט, דערפֿאַר האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן „עספּעראַנטאָ“, וואָס מיינט האָפֿענונג.

ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל אין ביאַליסטאָק האָט זאַמענהאָף געזען וויפֿל צרות[4] אין זײַן שטאָט – ווי אין דער וועלט – קומען פֿון דעם וואָס מענטשן פֿאַרשטייען זיך ניט איינער דעם אַנדערן. זײַן חלום[5] איז געווען צו שאַפֿן אַ נײַע שפּראַך, אַ נייטראַלע, וואָס זאָל זײַן גרינג זיך אויסצולערנען. און דאָס האָט ער טאַקע געטאָן. עספּעראַנטאָ האָט זייער פּשוטע כּללים[6] פֿון אויסלייג[7] און גראַמאַטיק. ס'איז נישטאָ קיין קאָניוגאַציע און דעקלינאַציע. מע קען זיך אויסלערנען מער עספּעראַנטאָ אין איין חודש[8] ווי אַן אַנדער שפּראַך אין אַ יאָר!



לודוויק זאַמענהאָף

### אי היטלער אי סטאַלין האָבן זי באַטראַכט ווי אַ סכּנה

די געשיכטע פֿון עספּעראַנטאָ איז נישט קיין רויִקע. אַזוי ווי ס'איז אַ שפּראַך וואָס שאַפֿט פֿאַרבינדונגען צווישן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָבן די טאָטאַליטאַרישע סיסטעמען פֿון אונדזער יאָרהונדערט זי אונטערגעדריקט. אי היטלער אי סטאַלין האָבן זי באַטראַכט ווי אַ סכּנה[9] פֿאַר זייער מאַכט און גערודפֿט[10] די עספּעראַנטיסטן.

זאַמענהאָף אַליין האָט נישט קיין סך גערעדט וועגן זײַן ייִדישקייט אָדער וועגן ייִדישע מקורים[11] פֿון עספּעראַנטאָ. אָבער די פֿאָרשונג ווײַזט אַז ייִדישקייט איז יאָ געווען אַ וויכטיקע טייל פֿון זײַן לעבן און אַז ייִדיש האָט געהאַט אַ השפּעה[12] אויף עספּעראַנטאָ. אַ סך ייִדן פֿאַר דער מלחמה זײַנען געוואָרן עספּעראַנטיסטן. מע האָט געדרוקט לערנביכער אויף ייִדיש, אַז ייִדן זאָלן קענען זיך אויסלערנען עספּעראַנטאָ. אויך אין ארץ־ישׂראל[13] זײַנען געווען (און זײַנען נאָך אַלץ פֿאַראַן) עספּעראַנטיסטן. דער עספּעראַנטאָ־

### אַ וויכטיקער פֿאָרשער פֿון די באַציִונגען צווישן ייִדישקייט און עספּעראַנטאָ איז אַ יאַפּאַנער

וועלטקאָנגרעס פֿון יאָר 2000 וועט פֿאָרקומען אין יולי אין תּל־אָבֿיבֿ.

זאַמענהאָף האָט אויך געשאַפֿן אַ נײַע רעלעגיעזע באַוועגונג וואָס ער האָט אָנגערופֿן „הלליזם“[14] וואָס זײַן באַזיס זײַנען די הומאַניסטישע דאָקטרינען פֿון הלל[15]. זײַן האָפֿענונג איז געווען אַז דאָס וועט ווערן אַן אוניווערסאַלע רעליגיע און אירע אָנהענגער וועלן רעדן עספּעראַנטאָ.

אַ וויכטיקער פֿאָרשער פֿון די באַציִונגען צווישן ייִדישקייט און עספּעראַנטאָ איז אַ יאַפּאַנער, צוגויאַ סאַסאַקי. ער איז געווען אַ סטודענט פֿון פֿילאָלאָגיע אין אַ יאַפּאַנישן אוניווערסיטעט ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך לערנען העברעיִש. ער האָט זיך אַזוי פֿאַראינטערעסירט מיט ייִדישע לשונות[16] אַז ער איז געפֿאָרן קיין ירושלים שטודירן העברעיִש, ייִדיש און ייִדישע קולטור בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט. סאַסאַקי איז אויך אַן עספּעראַנטיסט און האָט געשריבן וועגן דער השפּעה פֿון ייִדיש אויף עספּעראַנטאָ. זײַנע אַרטיקלען האָט ער פּובליקירט אויף ייִדיש, יאַפּאַניש און אויף עספּעראַנטאָ גופֿא[17].

1. Ludvik Lazar Zamenhof (1859-1917) 2. ELIEZER BEN YEHUDE (1858-1922) 3. fait revivre/revived 4. TSORES ennuis/troubles 5. KHOLEM rêve/dream 6. POSHETE KLOLIM règles simples/simple rules 7. orthographe/spelling 8. KHOYDESH mois/month 9. SAKONE danger 10. GEROYDEFT persécuté/persecuted 11. MEKOYRIM sources 12. HASHPOE influence 13. ERETS-YISROEL 14. HILELIZM 15. Hillel, sage de la Mishna (1er siècle av. J.C.) connu pour sa tolérance/Rabbinic authority (1st century B.C.), traditionally known for his tolerance 16. LESHOYNES שפּראַכן 17. GUFE lui-même/itself.


אין דעם נומער האָבן
מיטגעאַרבעט :
אַלכּסנדר, אַניק,
בערטראַן, ברוניד,
גאָלדע, זשיל,
יצחק, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי און שלום.

אַ בשותּפֿותדיקע ירושה



מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03